בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

ניצבים-וילך
כ"ה אלול תשפ"ד

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:53 |
| מוצש"ק | 7:05 |
| ר"ת | 7:45 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:45 | סוז"ת א' | 10:00 |
| סוזק"ש ב' | 9:28 | סוז"ת ב' | 10:28 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': ק"ב
שנה ב'

## טיב הפרשה

# אתם נצבים היום

## מאכן א כלי פון די התעוררות

אין די וואכענדיגע סדרה לערנען מיר 'אתם נצבים היום כולכם לפני ד' אלוקיכם'.

עס איז ידוע וואס דער זוה"ק זאגט אויף די ווערטער 'היום' אז עס גייט ארויף אויף ראש השנה, אויף דער יום הרת עולם, די טאג ווען אלע יצורים פון די וועלט שטייען פאר'ן גרויסן משפט און ווי דער פסוק זאגט אין תהלים: למשפטיך עמדו היום כי הכל עבדיך.

אין שלחן ערוך אורח חיים [סימן תכ"ח סעיף ד'] ווערט געברענגט אז חז"ל האבן מתקן געווען אז די קריאה פון פרשת נצבים זאל זיין די שבת פאר ראש השנה, מרמז צו זיין אויף דעם הייליגן טאג.

בדרך רמז קען זיין אז דער פסוק וויל דא מרמז זיין אז ווען א איד האט א געוויסע התעוררות בעניני עבודת ה' זאל ער עס נישט אפשטופן אויף א צווייטע צייט, אפילו אז ער גלייבט אז מיט'ן אפשטופן וועט ארויסקומען פון דעם א תועלת, ווייל דאס איז אן עצת היצר, עס קומט אפצושוואכן דעם מענטש, אז ער זאל נישט נתעורר ווערן פון די התעוררות.

אויך דא וועט דער יצר הרע זיך אנשלייערן מיט א שלייער ווי ער מיינט אונזער טובה, אז ער האלט אז אויב מען וועט אפשטופן די התעוררות וועט עס זיין בעסער פאר אונז, אבער דאס איז א טעות, ער וויל נאר אפקיהלן די התעוררות.

עס איז ידוע דער טייטש פון ספרי קודש אויף די ווערטער "צא והלחם מחר בעמלק" אז די תכסיס פון עמלק איז 'מחר' אפצושטופן די זאך וויסנדיג די כח וואס איין התעוררות קען ברענגען און ווי חז"ל ווארענען אויף דעם אין אבות [ב, יד] "אל תאמר לכשאפנה אשנה שמא לא תפנה".

עס קען זיין א רמז אז די ווארט 'אתם' איז ראשי תיבות 'אל תאמרו מחר', אז דער איד זאל נישט אפשטופן קיין זאכן אויף מארגן, נאר מקבל זיין אויף זיך גלייך די התעוררות און מאכן גלייך פון איר א כלי, ווי עס איז באקאנט דער הייליגער רמב"ן אויף די ווערטער אין שיר השירים "אם תעירו ואם תעוררו את האהבה עד שתחפץ", אז ווען א איד האט א התעוררות זאל ער עס גלייך אריינלייגן אין א כלי, ווייל נאר אזוי וועט די התעוררות האבן א קיום אויף אייביג.

איך האב געהערט אמאל א מעשה וואס האט פאסירט אין די וואלזאשינער ישיבה. דארט האט געלערנט א חשוב'ער בחור וועלכע האט גע'שמ'ט איבעראל מיט זיין בקיאות וידיעות בתורה.

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# נַחְפְּשָׂה דְרָכֵינוּ וְנַחְקֹרָה

ערב פסח קומט. יעדער איז פארנומען מיטן רייניגן דאס הויז, און א גערוך פון ריינקייט דערהייבט זיך אין די לופט. אין איינס פון די צימערן פונעם הויז שטייט די עקרת הבית און פארטראכט זיך איבערן ריינקייט פונעם הויז: נאר מיט א יאר צוריק, האב איך אזוי שווער געארבעט צו רייניגן און אויסגלאנצן דאס גאנצע הויז, און אט דארף מען שוין נאכאמאל רייניגן דאס הויז און אוועקנעמען אלע שטויב און שמוץ, אזוי ווי מען האט דא קיינמאל פריער נישט ריין געמאכט. זי ווייסט אבער אז עס איז נישטא קיין אנדער ברירה, און אויב זי וועט נישט רייניגן דאס הויז וויינגסטנס איינמאל אין יאר, וועט דאס הויז פול ווערן מיט שמוץ וואס עס וועט זיין זייער שווער עס צו רייניגן.

מיר שטייעןביים שוועל פון די ימי הסליחות. און אויב וועלן מיר זאגן: אויך פאראיאר האבן מיר געזאגט סליחות און מיר האבן צוגעזאגט אז מיר וועלן נישט ווייטער זינדיגן, און אט שטייען מיר א יאר שפעטער אויפן זעלבן פלאץ אינעם זעלבן מצב, און מיר האבן זיך נאכאלץ נישט צוריקגעקערט פון אונזער טעות? דארפן מיר וויסן און געדענקען אז די סליחות זענען רייניגונגס מאטעריאל [חומר נקיון] פאר די נשמה, און אויב וועלן מיר נישט תשובה טון פון צייט צו צייט, וועט זיך אנזאמלען אסאך שמוץ אין אונזער נשמה, וואס עס וועט זיין שווער צו רייניגן.

און ווירקליך, ווי גרויס איז דער כח פון אט די טעג וועלכע זענען אזוי ווי זייער נאמען, 'ימי סליחות', טעג פון פארגעבונג, טעג אין וועלכע דער קעניג, הקדוש ברוך הוא, טוט מוחל זיין און פארגעבן די עבירות פון זיין אידישן פאלק, יעדן יאר. און פארוואס ווערן די טעג טאקע אנגערופן 'ימי סליחות' און נישט 'ימי סליחה', דאס איז וויבאלד די סליחות זענען אסאך, וויבאלד דער מענטש זינדיגט און האט חרטה, און זינדיגט נאכאמאל און טוט ווייטער תשובה, און דער אויבערשטער נעמט אן די תשובה און איז מוחל, אזוי ווי מיר זאגן ביים דאווענען 'ברוך אתה ד' חנון המרבה לסלוח'.

וואס איז טאקע אט די תשובה, וואס איבער איר זאגן מיר 'חנון המרבה לסלוח', אינדערצייט וואס מיר ווייסן אז 'האומר אחטא ואשוב אחטא ואשוב אין מספיקין בידו לעשות תשובה'? ענטפערט דערויף דער הייליגער רמב"ם אין הלכות תשובה 'ומה היא התשובה, הוא שיעזוב החוטא חטאו, יסירו ממחשבתו ויגמור בלבו שלא יעשהו עוד וכו', וכן יתנחם על שעבר וכו', ויעיד עליו יודע תעלומות שלא ישוב לזה החטא לעולם', ביז אהער פונעם הייליגן רמב"ם. און אין גמרא זעען מיר אז 'המקדש אשה על מנת שאני צדיק, אפילו אם הוא רשע גמור, הרי היא מקודשת – שמא הרהר תשובה בדעתו'. זעען מיר פון דא אז דער עיקר תשובה איז אינעם געדאנק פונעם מענטש.

דעריבער, ווען מיר וועלן שטיין און זאגן די סליחות, זאלן מיר וויסן און געדענקען אז דער עיקר פון תשובה איז אין אונזער מחשבה, און עס איז נישט גענוג אז מען זאל ארויסזאגן מיט די ליפן, נאר די מויל מיטן הארץ זאלן זיין גלייך, און מען זאל אינזינען האבן אין געדאנק די ווערטער וואס מען זאגט ארויס מיטן מויל, און זיכער אויב וועלן מיר אזוי טון, וועלן דאס זיין אמת'ע סליחות, וואס דורך זיי וועט געזאגט ווערן 'סלחתי'.

(עפ"י טיב המועדים, אלול – ימי הסליחות)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

איינמאל האט מען געפראוועט אין די ישיבה א סיום. אינמיטן די סעודה האט מען גערעדט אין לערנען און מען האט געפרעגט דער בחור איבער די תוספות. דער בחור האט זיך פרובירט צו דערמאנען דעם תוספות אבער עס איז נישט געגאנגען. עס האט אים אזוי פארדראסן אז ער קען נישט די תוספות אז אויפ'ן ארט האט ער זיך אויפגעהויבן און איז אריבער אין א צווייטער שול און אנגעהויבן איבער'חזר'ן די ש"ס.

ער האט זיך נישט ארויסגערוקט פון די יעניגע שול ביז ווען ער האט געענדיגט איבער'חזר'ן גאנץ ש"ס מיט אלע תוספות'ער.

מיט יארן שפעטער האט מען איבערדערציילט די מעשה פאר'ן גאון רבי חיים שמואלעוויטש זצ"ל. הערנדיג די מעשה האט ער זיך אנגערופן אז עס קען אז זיין אז דער בחור האט נישט געטון א גוטער זאך אוועקגייענדיג אינמיטן א סעודה, ער וואלט געדארפט בענטשן ערשט, אבער מצד שני האט ער מורא געהאט אז די התלהבות וואס עס האט אים אנגעכאפט יענע רגע זעענדיג אז ער פארגעסט שוין און עס נישט געוואלט פארלירן און געלאפן דורכלערנען די סוגיא, און אז די התלהבות האט גורם געווען אז ער זאל מצליח זיין און דורכלערנען גאנץ ש"ס אויפאיינמאל.

מיט די געדאנק גרייט מען זיך צו די הייליגע טעג. אין די טעג האט א איד אסאך מאל א התעוררות, אבער מען טאר נישט פארגעסן אז די תכלית מיט די התעוררות איז אז מען זאל ממליך זיין הקב"ה און זיך אונטערבייגן אונטער זיין מלוכה.

אז מען געדענקט די בחינה און מען איז דבוק אין זיין מלוכה ווערט מען משועבד צו אים. מען מאכט א חשבון אז אויב מען וועט זיך פארטשעפענען מיט א לעבעדיגער קעניג וועט מען געשטעלט ווערן צו א משפט. דאן וועט נישט העלפן די טענה אז מען האט נישט געוואוסט, נאר מען וועט צאלן פאר דעם א פרייז, און די זעלבע איז מיט'ן מלך מלכי המלכים.

נאר דער רבוש"ע ברוב רחמיו האט געגעבן די מעגליכקייט צו תשובה טון, און מיר דארף עס אויסנוצן און זיך מתחנן זיין פאר'ן בורא כל העולמים אז ער זאל אננעמען אונזער תשובה און זיך דערבארעמען אויף אונז און משפיע זיין א גוטער און א זיסער יאר.




טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# די קאר איז צוריקגעקומען

ווען איך האב זיך אויפגעוועקט יענעם צופרי און זיך געגרייט אנצוהייבן מיין טאג טעגליכע סדר, האב איך זיך נישט געראכטן וואס עס ווארט מיר אפ.

איך בין ארויס צו די קאר און עס אנצוצינדן, אבער די קאר איז נישט דא. איך האב געזוכט אויף אלע זייטן אבער עס איז נישט געווען צום געפינען. עס האט מיר געדויערט צייט ביז איך האב פארשטאנען אז איך בין בארויבט געווארן, אז גנבים האבן גע'גנב'ט מיין קאר.

אין די רגע וואס איך האב דאס געכאפט האב איך א זאג געגעבן 'הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו'. איך האב געגלייבט מיט אן אמת אז עס איז לטובה. צו די שול בין איך געגאנגען צופוס און אין שול האב איך עס דערציילט פאר מיין ברודער.

"קום מיט מיר", האט מיין ברודער מיר געאפפערט צופארן מיט אים, ביז ווען מען וועט צוריקטרעפן מיין קאר.

איך האב זיך אריינגעזעצט אין די קאר פון מיין ברודער און מען האט אנגעהויבן פארן. פארנדיג האבן מיר שפעקולירט וואס איך גיי טון און וועלכע מיטלען איך זאל אננעמען צוריקצובאקומען די גניבה.

אזוי פארנדיג געבט זיך מיין ברודער א רוף אן:

"ווער פארקירט דא אינמיטן גאס".

א קאר האט זיך אפגעשטעלט אינמיטן די גאס און בלאקירט די דורכרייזענדער.

איך געב א קוק ארויס פון די פענסטער צו זען פון וועלכע קאר רעדט מען דא, און אומגלויבליך! פאר מיר שטייט מיין קאר. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז מיין קאר איז פארקירט אינמיטן גאס.

ווי עס זעט אויס איז נמאס געווארן פאר די גנבים מיין קאר און זיי האבן עס איבערגעלאזט אינמיטן די גאס. מיין ברודער איז שטיין געבליבן, און איך בין ארויס פון די קאר צו באטראכטן די קאר צו זען וואס איז זיין צושטאנד.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די קאר איז גאנץ, אומגעשעדיגט, אז די שאדנס זענען מילדע.

איך האב געדאנקט הקב"ה און זיך צוריק אריינגעזעצט אין מיין קאר און אנגעהויבן פארן מיט איר.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: ה.ב.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

## "אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם, ראשיכם שבטיכם כו' כל איש ישראל" (כט, ט)

אינעם ספר הקדוש מאור ושמש ווערט ערקלערט, וויאזוי עס גייט צו דער 'אתם נצבים היום', וואס 'דא יומא דראש השנה' (זוה"ק פנחס רלא.), ווען מיר ווערן אוועקגעשטעלט מיט א שטארקע שטאנד פארן אויבערשטן, ארויסצוגיין גערעכט ביים דין, מיטן כח פון 'כולכם', וואס דאס איז דורך אחדות און אהבת ישראל! און דאס קומט פאָר דורכדעם וואס "ראשיכם שבטיכם זקניכם וגו' כל איש ישראל", אז אלע דרגות פון כלל ישראל זענען צוזאמען, כאיש אחד, בלב אחד, מיט אהבה ואחוה שלום וריעות. – דורכדעם ווערט פארשטאפט דער מויל פונעם מקטרג, וויבאלד עס איז נישטא קיין זאך וואס שטייט אין פארנט פון אחדות.

אין די ספרים הקדושים ווערט דער זאך ערקלערט מיט די ווערטער פונעם פסוק וואס שטייט אין סוף פרשת נח (בראשית יא, ו): "ויאמר ה', הן עם אחד ושפה אחת לכולם, וזה החילם לעשות! ועתה לא יבצר מהם כל אשר יזמו לעשות"! דאס הייסט אז וויבאלד עס איז נישטא קיין שום זאך וואס שטייט אנטקעגן די אחדות, דעריבער וויבאלד זיי זענען געווען איין פאלק מיט איין שפראך, איז טראצדעם וואס זיי האבן אינזינען געהאט מיט זייער טורעם פאר עבודה זרה, קען דער מקטרג נישט שולט זיין אויף זיי, און אלעס וואס זיי האבן געפלאנט צו טון וואלט נישט צוריקגעהאלטן געווארן פון זיי.

איינס פון די רמזים וואס די דורשי רשומות האבן געגעבן פארן הייליגן חודש אלו"ל איז (חיי אדם קלח, א און קיצור שולחן ערוך קכח, א): "א'יש ל'רעהו ו'מתנות ל'אביונים" (אסתר ט, כב), וואס דאס לערנט אונז אז מיר זאלן זיך גרייטן צום יום הדין הבא עלינו לטובה, דורך אחדות צווישן אידן.

צוליב דעם זעלבן טעם שטייט אין די מחזורים, אז מען זאל זיך איבערבעטן בין אדם לחבירו, נאך איידער ראש השנה! נאך פאר עס געפאלט דער יום הדין.

און אינעם הייליגן ספר קיצור שולחן ערוך (קכח, יד) שטייט ווי פאלגנד: "בערב ראש השנה נהגו כולם להתענות וכו', ומכל שכן בעבירות שבין אדם לחבירו, ולא ימתין עד ערב יום הכיפורים, אלא יקדים את עצמו היום לבקש מחברו מחילה", ביז אהער פונעם קיצשו"ע.

און די מקובלים האבן געשריבן: "תועלת גדול לקיבול התפלות, בהיותם בלב אחד באהבה ובחיבה איש יחד פני רעהו, אשר תהיה תפילת כל אחד ואחד מצטרפת יחד עם תפלות אחינו בית ישראל. אשר מטעם זה קבלו וקיימו הראשונים [מיסודו של מרן האר"י ז"ל], קודם כל תפילתם לבטא בשפתיים, ולומר קבלת מצות 'ואהבת לרעך כמוך' (ויקרא יט, יח), כדי לצרף תפילתם כלולה עם כל אחיו בית ישראל. ואם תהיה בלבו שנאה עם חברו, אזי קרובה תפילתו להידחות מדחי אל דחי, כי נחש כרוך על עקבה בעלותה

# נצבים כולכם – מיט ליבשאפט און אחדות

אל פני האדון וכו'. ועל כן כל איש ישראל יהיה זריז ונשכר מערב ראש השנה, לתווך השלום בינו לבין חבריו בלב שלם ובנפש חפצה, ולית דין צריך בשש, ויעשו כולם אגודה אחת".

* * *

מרן הגאון רבי ישראל יעקב פישער זצוק"ל, וועלכער איז געווען דער ראש בית דין דא אין די הייליגע שטאט ירושלים תבנה ותכונן, און רב פונעם "זכרון משה" געגנט, פלעגט אפט מעורר זיין איבער די עבירות שבין אדם לחבירו. אין זיינע דרשות פלעגט ער אלעמאל דערמאנען, אז א גרויסער טייל פון די צרות וועלכע קומען חלילה איבער שונאיהם של ישראל בכלל ובפרט, איז צוליב ענינים פון בין אדם לחבירו.

עס איז אמאל געקומען צו מיר א טייערער יונגערמאן, וועלכער ליידט אויף צער גידול בנים אויף א שרעקליכן אופן, רחמנא לישזבן, מיט א שאלה, צי עס איז געוואונטשן צו צוגעבן א נאמען פאר זיין ווייב, וויבאלד זי טראגט דער נאמען פון א קרובה פון די משפחה, וועלכע האט געליטן אסאך אין איר לעבן, און מעגליך דורכן טוישן דעם נאמען וועט זיך טוישן זייער מזל צום גוטן.

האב איך אים געענטפערט אז איך געב זיך נישט אפ מיט די סארט זאכן, און איך האב אים גע'עצה'ט אז ער זאל קומען צוזאמען מיט מיר צום מרא דאתרא, הרב פישער זצ"ל, וועלכער איז געווען א גרויסער מומחה און גוט באקאנט אין די ענינים, כידוע.

ווען דער רב האט געהערט זיין שאלה, האט ער נישט מסכים געווען אז מען זאל טוישן דעם נאמען, וויבאלד די כוונה ביים געבן איר נאמען נאך די קרובה פון די משפחה, איז דאך געווען כדי צו טון א טובה פאר איר נשמה, דעריבער וועט דאך אוודאי נישט קומען קיין שלעכטס צוליב גוטס! – נאר ער האט געזאגט צו דעם איד, אז ער זאל זיך אפשטעלן און מאכן א גרונטליכן חשבון הנפש, צי ער האט מעגליך אמאל וויי געטון א איד, און אים צוגעברענגט צער, אויף אזוי ווייט אז מעגליך איז אים יענער נישט מוחל דערויף?

איז דער איד ארויסגעגאנגען אינדרויסן, און האט אנגעהויבן איבערשפילן אין גדאנק די יארן פון זיין לעבן, און אט האט ער זיך דערמאנט אז צוריק מיט יארן, ווען ער האט נאך געלערנט אין 'ישיבה קטנה', איז אים געשען אן אומבא'טעמ'טע אינצידענט מיט איינער פון די בחורים, און זייענדיג שטארק אין

כעס, האט ער זיך געבייזערט אויף אים אין דער עפנטליכקייט, און האט אים שטארק פארשעמט מיט גאר א מיאוס'ן אויסדרוק! דער בחור איז געטשעפעט געווארן ביז די טיפענישן פון זיין נשמה, און פון דעמאלטס און ווייטער איז געווארן א שטארקער דערווייטערונג צווישן זיי, און דורכאויס אלע יארן וואס זיי האבן געלערנט אין ישיבה, האט ער קיינמאל נישט גערעדט מיט אים!

גלייך דערנאך, האט דער יונגערמאן גענומען אויפזוכן נאך יענעם 'בחור', און ער איז געוואויר געווארן אז ער איז היינט א גרויסער 'בעל משפחה' און וואוינט אין א ווייטע שטאט. ער האט אים גלייך געקלינגען אין טעלעפאן, און מיט ווייכע רייד, פול מיט בושה און הכנעה, האט ער געבעטן אז ער וויל זיך וויכטיג טרעפן מיט אים!

ביי זייער צוזאמטרעף, האט דער יונגערמאן פעסטגעשטעלט אז די מחלוקת צווישן זיי האט זיך טאקע געצויגן דורכאויס אלע יארן, און ער טראגט א הקפדה אויף אים ביז יעצט! טראץ אלע יארן וואס זענען דורכגעגאנגען, איז ער נישט מסוגל אים מוחל צו זיין אויף זיין שאנד, וויבאלד דורכדעם האט ער אסאך געליטן דורכאויס זיינע בחור'ישע יארן.

טראץ אלע פילע תחנונים וואס ער האט זיך געבעטן ביי אים אז ער זאל אים מוחל זיין, און אפילו ער האט ערקלערט אז דער רב האט אים אנטפלעקט אז דאס איז די סיבה צו זיינע אלע צרות, האט דער איד צוליב זיין גרויס ביטערניש און טרויער נישט מצליח געווען צו פועל'ן ביי זיך, אז ער זאל אים מוחל זיין! – "איך פארשטיי דיין צער, און איך נעם אן אז הרב פישער האט גע'פסק'נט אז דאס איז די סיבה פאר דיינע צרות", האט ער געזאגט, "אבער וואס זאל איך טון, אז דער זעלבער כעס ברענט נאך אין מיר, און אפילו אויב איך וועל דיר זאגן אז איך בין דיר מוחל! איז דאס אבער נאר 'מן השפה ולחוץ'... אבער נישט 'בלב שלם', וויבאלד טיף אין הארצן בין איך נאך פארוויטאגט! און איך קען עס נישט ארויסנעמען פון מיין זכרון"!

דער יונגערמאן איז צוריקגעקומען צו מיר מיט א שטארקע ענטוישונג, און מיט גרויס צער אז דער יונגערמאן וויל אים נישט מוחל זיין.

האב איך אים געגעבן מיין עצה, אז ער זאל אים פארגיטיגן מיט א שיינע סומע געלט! און דורכדעם וועט יענער אוודאי מסכים זיין אים מוחל צו זיין!

אויפצומארגנס איז ער נאכאמאל ארויסגעפארן צו יענעם שטאט און זיך נאכאמאל געטראפן מיט זיין חבר, און דערביי האט ער אים דערלאנגט א קאנווערט און דערין א 'סכום הגון' ווי עס דארף צו זיין! דער חבר האט זייער הנאה געהאט דערפון, און דערביי האט ער ערקלערט אז פונקט געפינט ער זיך אין א קליינע ענגשאפט אין געלט זאכן, און אט די שיינע געשאנק וועט אים העלפן בס"ד ארויסצוגיין מצרה לרווחה!

און טאקע "באותו מעמד" האבן זיך די צוויי יונגעלייט איבערגעבעטן במחילה גמורה בלב ונפש, און דער חבר האט

| המשך אין עמוד ד' |<

באשטעטיגט אז ער פארשטייט אז דאס איז געקומען בלויז פון קינדערישקייט, און עס איז נישט בארעכטיגט דערפאר אז מען זאל ווייטער ציען די נארישע מחלוקת אויף אייביג... דערביי האט ער איבערגע'חזר'ט עטליכע מאל אז ער איז אים מוחל פון יעצט און ווייטער בלב שלם ובנפש חפצה.

און ווי גרויס איז געווען דער וואונדער, אז ביז א קורצע תקופה דערנאך, זענען פארשוואונדן געווארן אלע זיינע צרות דורך אומפארשטענדליכע סיבות, און אלעס איז בחסדי שמים געווארן מסודר על הצד היותר טוב!

[אט דער זאך, אז מען קען דורך געלט גורם זיין אז דער חבר זאל מוחל זיין במחילה גמורה, האב איך זיך אויסגעלערנט פון אן עובדא וואס איך האב מיטגעהאלטן ביים גאון וצדיק דער הייליגער סטייפלער זצוק"ל, ועוד חזון למועד בעז"ה].

* * *

א וואונדערליכע מעשה האט איך געהערט פון כ"ק אדמו"ר מסטראפקוב זצוק"ל, וועלכער האט דערציילט איבער זיין זיידע הגה"ק רבי חיים מצאנז זצוק"ל בעל דברי חיים, וועלכער איז כידוע געווען א געוואלדיגער פועל ישועות דורך זיינע קפידות, און איבערהויפט דורך זיינע פעטש, און אויב האט ער געגעבן א פאטש אויפן באק פון דער וואס האט געדארפט האבן א ישועה, אדער צומאל דורך א קלאפ מיט זיין שטעקן אויף יענעמ'ס קאפ, האט ער דורכדעם זייער שטארק ממתיק געווען די דינים פון איבער אים. אפט פלעגן די צדיקים פון זיין דור זאגן וועגן פארשידענע אידן וועלכע האבן געדארפט האבן א גרויסע ישועה, אז נאר א 'קפידא' פונעם הייליגן צאנזער רב וועט דא העלפן... און אסאך אזעלכע עובדות זענען באוואוסט, איבער די ישועות וואס ער האט ממשיך געווען דורך זיינע קפידות.

אין פוילן פלעגט מען זאגן, אז די קפידא פונעם הייליגן צאנזער רב טראגט מיט זיך א סגולה פאר א ישועה, און זיינס א 'קלאפ' איז א סגולה גדולה לעשירות!

נאך זיין הסתלקות זענען זיך צוזאמגעקומען פילע פון זיינע תלמידים, די צדיקי הדור וועלכע האבן זיך געוויקט ביי אים, און אינעם הארץ פון זיין הייליגן גרויסער זון, דער שינעווער רב בעל דברי יחזקאל זצוק"ל, איז ארויפגעקומען א זארג, טאמער וועלן די תלמידים, וועלכע זענען אויך געווען צדיקים מפורסמים און האבן געפירט חשוב'ע שטעט און קהילות, אז זיי וועלן אויך וועלן ממשיך זיין ישועות אויפן זעלבן וועג. דעריבער האט ער גערעדט מיט זיי דערוועגן, און האט זיי מעורר געווען, אז זיי זאלן אויף קיין פאל נישט גיין אויף דעם וועג! וויבאלד דאס איז א גאר הויכע מדריגה וואס איז פאסיג אפשר נאר פאר די יחידי סגולה פונעם דור.

אלס ביישפיל, האט דער הייליגער שינעווער רב זיי דערציילט, א מעשה וואס איז געווען ביים הייליגן טשערנאבלער צדיק זצוק"ל בעל מאור עינים, ווען ער האט עוסק געווען אינעם ענין פון 'פדיון שבויים', און האט זיך ארויסגעלאזט זאמלען געלט אויף אלע זייטן, וויבאלד ער האט דעמאלטס געדארפט האבן גאר א גרויסער סומע געלט.

און אט איז ער אנגעקומען צום טיר פון א דארפס-איד. ווען דער טיר האט זי ערקלערט, אז זי איז יעצט אליין אינדערהיים, און איר מאן איז יעצט אין פעלד. דער רבי האט כדרכו בקודש ארויסגעזאגט דעם פונקטליכן סומע וויפיל ער פארלאנגט פון זי, און ער האט דערביי געפאדערט א ריזיגע סומע געלט! דאס איז געווען גענוי די זעלבע סומע וואס האט זיך דעמאלטס געפינען דארט אין הויז, פונקט וויפיל ער האט ארויסגעזאגט מפי קדשו, און עס איז געלעגן דארט 'כאבן שאין לה הופכין'... די פרוי האט זייער געוואלט געבן די סומע וויפיל דער הייליגער צדיק האט פארלאנגט, נאר על פי הלכה טאר מען נישט נעמען א גרויסע סכום פון א פרוי, אן די ערלויבעניש פון איר מאן!

נאר וויבאלד עס איז דעמאלטס געווען א צושטאנד וואס האט געהאלטן ביי פיקוח נפש, האט דער רבי באשלאסן ברוח קדשו אז ער וועט נעמען פון די פרוי די געלט, מיט א שטארקע בטחון אין די הייליגע שכינה וועלכע גייט מיט אים אויף יעדן טריט און שריט, אז הכל יבוא על מקומו בשלום.

אין אוונט, ווען דער דארפס-איד איז אהיימגעקומען, און ער האט אויסגעפינען אז דער רבי האט ארויסגענומען פון זיין ווייב אזא ריזיגע סומע געלט, איז ער געווארן זייער אויפגערעגט, און ער האט באשלאסן אז גלייך ווען עס וועט ווערן טאג, וועט ער ארויספארן מיט זיין אייזל, נאכצויאגן דעם רבי'ן און זיין פמליא, און ער וועט צוריקנעמען פון זיי די גאנצע געלט!

אינעם זעלבן נאכט, ווען עס איז שוין געווען זייער שפעט, האט זיך געהערט א שטארקע קלאפעריי אויפן טיר. ווען דער דארפס-איד איז אויפגעשטאנען און געגאנגען זען ווער עס איז ביים טיר, האט ער געזען דארט שטיין א גוי, וועלכער האט זיך געבעטן ביי אים, אז וויבאלד עס הערשט אינדרויסן גאר א ביטערע קעלט, זאל ער אים לאזן נעכטיגן דא איבערנאכט, נאר 'איין נאכט'! דער דארפס-איד האט רחמנות געהאט אויפן גוי, און האט אים געלאזט שלאפן ביי אים אינדערהיים.

ווי נאר עס איז געווארן ליכטיג, איז דער גוי אויפגעשטאנען פון שלאף, און זיך באדאנקענדיג פארן בעל הבית, האט ער זיך געאיילט אין וועג, ערקלערנדיג אז ער יאגט זיך שוין זייער שטארק צו זיין ציל. ווי נאר דער דארפס-איד איז צוגעגאנגען צו מאכן אין ארדענונג דעם בעט, האט ער געזען אז דער גוי האט דארט געלייגט א קאנווערט מיט גאר אסאך געלט. האט ער עס גלייך גענומען און באהאלטן אין א גוטן ארט.

דערנאך האט דער מענטש שנעל איינגעשפאנט זיין פערד, און זיך ארויסגעלאזט נאכן פמליא פונעם הייליגן רבי'ן, וועלכער האט פארגעזעצט אין וועג צו שאפן צדקה אין די נאנטע שטעט. צו זיין גרויס פרייד, איז אים נאך א שנעלע געלויף, געלונגען צו דערגרייכן דעם וואגן פונעם רבי'ן, וועלכע האט זיך שטאט געשלעפט מיט אלע גבאים און מקורבים וועלכע האבן זיך באטייליגט ביי די נסיעה.

ער האט גלייך אפגעשטעלט זיין אייזל אינמיטן וועג, און אזוי מיט זיין קערפער און זיין אייזל האט ער אפגעהאלטן דעם וואגן פונעם רבי'ן. ער איז שנעל אראפגעשפרינגען פונעם אייזל, און מיט א שטארקן צארן איז ער צוגעגאנגען צום וואגן פונעם רבי'ן. אבער ווי גרויס איז געווען זיין וואונדער, ווען ער האט ארייגעשטעקט זיין קאפ אינעם וואגן, און געזען פאר זיך דעם הייליגן געזיכט פונעם צדיק, וועלכער האט אים אויסגעשטרעקט זיין האנט צו נעמען שלום, און נאך איידער ער האט געקענט עפענען זיין מויל און עפעס זאגן, הערט ער ווי דער רבי רעדט צו אים מיט אן אנגענעמע און רואיגע שטימע: פארוואס זאלט איר זיך רעגן, טייערער איד? איך האב אייך דאך צוריקגעשיקט דאס גאנצע געלט"!

אינעם ערשטן רגע איז דער מענטש געבליבן שטיין פארלוירן, ער האט גארנישט פארשטאנען! פון וואו קען אים דער רבי? און פון וואו ווייסט ער, אז ער איז אהערגעקומען צו פאדערן פון אים דאס געלט? און וואו האט ער אים צוריקגעשיקט געלט? – אבער פלוצלונג איז אים געווארן ליכטיג, און האט ער געכאפט זיין הייליגע כוונה, דערמאנענדיג זיך פונעם גוי וועלכער האט איבערגעלאזט געלט ביי אים אינדערהיים דעם זעלבן אינדערפרי...

דער רבי האט אים פריינדליך אפגעזעגנט, און אים ערקלערט אז ער קען נעמען די געלט מיט א רואיג געמיט, וויבאלד מען האט עס אים געשיקט מן השמים! און ווירקליך, ווען דער איד האט זיך צוריקגעקערט אהיים און האט אפגעציילט דאס געלט וואס דער גוי האט איבערגעלאזט, האט ער געזען אז דאס איז פונקט די זעלבע סומע וואס זיין ווייב האט געגעבן פאר'ן רבי'ן, גענוי אויפן חשבון!

ווען דער הייליגער שינעווער רב האט געענדיגט דערציילן די מעשה, האט ער זיך געוואנדן צו די הייליגע תלמידים פון זיין טאטן, האט ער זיי געפרעגט: נו, זאגט אליין, קען דען איינער פון אונז פראווען אַזאַנץ? אויב אזוי, פארוואס זאלן מיר קומען 'בסוד קדושים', וואס פאר זיי איז אנטפלעקט געווארן אלע געהיימניסן, און די שכינה הקדושה איז געשטאנען לימין צדקם, כדי אויסצופירן דעם רצון פונעם צדיק יסוד עולם!

מוקד הזמנות ספרים
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח
מכון טיב

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173